**גוט שבת אלע אידן.** ר׳ יעקב יוסף הערמאן ע״ה איז באקאנט געווארן פאר זיין גרויסע צדקות. ער איז געקומען קיין אמעריקע מער ווי א הונדערט יאר צוריק. דעמאלט איז נעבאך שמירת התורה און מצוות זייער שוואך געווען אין אמעריקע. נאר די אידן וואס האבן געהאלטן פעסט די תורה זענען געבליבן אידיש. יעקב יוסף איז געווען גאר א שטארקע איד און ער האט גענוצט אלע כוחות צו מקרב זיין אין און מחזק זיין אידישע מוסדות. עס זענען דא אסאך מעשיות פון ר׳ יעקב יוסף ע״ה. דורך לערנען די מעשיות קענען מיר אלע נתחזק ווערן אין עבודת השם. דער פאלגענדע מעשה איז געשען אין שווערע טעג פארן אנהייב פונעם צווייטען וועלט מלחמה אין תרצ״ט.

ר׳ יעקב יוסף מיט זיין רביצן זענען שוין געווען דעמאלט עלטערע אידן. זיי האבן חתונה געמאכט אלע קינדער און זיי האבן שוין נישט געארבעט. דעמאלט האט ר׳ יעקב יוסף זיך מיישב געווען אז ער וויל זיך באזעצען אין ארץ ישראל.

זיי האבן געפלאנט ארויסצופארן מיט א שיף פאר ראש חודש אלול, כדי צו זיין שוין אין ארץ ישראל פאר די ימים הנוראים. צוביסלעך, אין די קומענדיגע חדשים, האבן זיי ערלעדיגט אלעס. זיי האבן געפאקט זעכצן גרויסע האלצענע קערבעל מיט צען גרויסע רענצלעך, פיל מיט זייער גאנצע פארמעגן. איינער פון די רענצלעך האט געהאלטן ר׳ יעקב יוסף׳ס אייגענע ספר תורה.

עס איז אויסגעקומען אז זיי זענען ארויסגעפארן אויפן שיף צען טעג פאר די צווייטע וועלט קריג האט אנגעפאנגען. עס האט גענומען דעמאלט אפאר וואכן אנצוקומען קיין ארץ ישראל מיט א שיף פון אמעריקע. ווען דער שיף איז געווען אין דעם מיטעלענדישע ים לעבן א״י, האט מודיע געווען דעם קאפיטאן פונעם שיף אז ער טאר נישט פארן גלייך קיין א״י, נאר ער האט געדארפט נעמען א נישט גראדע וועג, ווייל עס איז געווען דאך מלחמה צייטן אין דער ים איז פיל געווארן מיט באמבעס. אז אפילו זיי וואלטן געדארפט אנקומען מיטוואך קיין חיפה אין א״י, יעצט צוליב דעם פארן אויפן לענגערן וועג האבן זיי געדארפט אנקומען ערב שבת באלד פאר די זמן!

ווען די זון האט זיך דערנענטערט צום ברעג, האט מען אויסגערופן אויפן שיף אז יעדער איינער זאל זיך איילן צו קענען גלייך אראפקומען פונעם שיף. זיי האבן געזאגט אז אלע פעקלעך וועלן גלייך אראפגעברענגט ווערן פונעם שיף און יעדער איינער האט געמוזט אוועקנעמען אלעס פון לעבן דעם שיף. עס איז געווארן א גרויסע בהלה אויפן שיף, יעדער איינער איז ארומגעלאפן צוזאמענעמען אלע זייערע זאכן.

ר׳ יעקב יוסף און זיין רביצן זענען געווארן שטארק צובראכן. זיי האבן געדארפט שוין אראפגיין פונעם שיף כדי צו קענען אנקומען צו זייער אכסניה פאר שבת. עס וועט נישט זיין קיין צייט צו נעמען די פעקלעך. ר׳ יעקב יוסף האט גענומען זיין רענצלעך מיטן ספר תורה און זיין פרוי האט אויך גענומען א קליינע רענצל. ווען זיי זענען אראפגעקומען פונעם שיף זענען זיי גלייך אריבערגעגאנגען צו בריטישע אפיסער (דעמאלט האבן די בריטישע געוועלטיגט איבער ארץ ישראל). דער אפיסער האט געוואלט מאכן זיכער אז יעדער איינער וועט אוועקנעמען זיינע זאכן.

מיט טרערן אויף זיין באקן, האט ער געזאגט צום אפיסער, ״איך האב קיינמאל נישט מחלל געווען שבת אין מיין לעבן, און יעצט אז מיר זענען אנגעקומען צום הייליגן לאנד, קען איך עס נישט טון...״ ״ראביי,״ האט דער אפיסער געזאגט, ״יעצט איז מלחמה צייטן, איר דארפט מאכן א פשרה...״ ״ביטע, זיגעלט אונזער פאספארטען און לאז אונז גיין. מיר קענען צוריקומען נאך שבת.״ ״דאס איז נישט מעגליך. אלע פעקלעך ווערט יעצט אראפגעברענגט פון שיף. אלעס מוז ווערן שוין יעצט אוועקגעטראגן.״ ״פארגעס פון אונזער רענצלעך. זיגעלט אונזער פאספארטען און לאז אונז גיין.״ האט ר׳ יעקב יוסף געזאגט. ״וויפיל רענצלעך האסטו?״ האט דער אפיסער געפרעגט. ״זעקסען קערבעל מיט ניין רענצלעך אין אונזער צימער אויפן שיף.״ ״צו דען פארשטייסטו נישט אז דיינע זאכן וועלן געלייגט ווערן דא לעבן דעם שיף און קיינער וועט נישט האבן אחריות אויף דעם. ביז מארגען נאכט וועסטו נישט טרעפן קיין זכר פון דיינע זאכן.״ האט דער אפיסער געזאגט. ״איך האב נישט קיין ברירה. עס איז באלד שבת. מיר מוזן אנקומען צום שטאט באצייטענס. ביטע, זיגעלט אונזער פאספארטען און לאז אונז גיין.״ האט ר׳ יעקב יוסף געזאגט מיט ייאוש אין זיין שטימע.

נישט גלייבנדיג וואס דער איד האט געזאגט, האט דער אפיסער גערופן א צווייטען אפיסער און געזאגט צו אים, ״זיגעלט זייערע פאספארטען און לאז זיי ארויסגיין. דער ראביי דא איז גרייט צו פארלירן אלע זיינע זאכן כדי אנצוקומען צום שטאט פאר שבת.״ דער צווייטער אפיסער האט געקוקט אויפן ר׳ יעקב יוסף מיט וואונדער בשעת ער האט געזיגעלט אויף די פאספארטען.

אזוי זענען ר׳ יעקב יוסף מיט זיין רביצן אוועקגעגאנגען פונעם שיף, מיטנעמענדיג דעם ספר תורה אבער איבערלאזנדיג אלע אנדערע פעקלעך הפקר. זיי האבן געכאפט א טעקסי און זיי זענען אנגעקומען צו דער אכסניה באלד פאר לעכט צינדען.

דורך די גאנצע שבת, איז ר׳ יעקב יוסף געווארן פיל מיט שמחה. נישט נאר דעם אז עס איז געווען זיין ערשטען שבת אין ארץ ישראל, אבער ער האט אויך געפרייט וועגן וואס איז געשען ערב שבת. בשעת מעשה איז עס טאקע געווען שווער פאר אים צו לאזן אלעס וואס ער האט געהאט אויפן וועלט, ווייל צווישן אלע פעקלעך איז געווען ר׳ יעקב יוסף׳ס ספרים. אבער יעצט אין שבת האט ער געוואוסט אז ער טוט דעם ריכטיגען זאך. ״דער אייבערשטער טוט אלעס פאר מיך. וואס קען איך טון פאר אים? סוף כל סוף בין איך זוכה געווען צו פארלירן אלעס וואס איך האב צו מקדש זיין שם שמים.״

מוצאי שבת, נאך הבדלה, האט דער רב, דער בעל אכסניה געזאגט צו ר׳ יעקב יוסף אז אפשר זאלן זיי גיין צו דעם פלאץ לעבן דעם שיף ווייל אפשר דאך איז איבערגעבליבן עפעס פון זייערע זאכן. ר׳ יעקב יוסף מיט זיין רביצן האט גארנישט דערווארט צו טרעפן, אבער זיי זענען געפארן סיי ווי סיי צו זען.

ווען זיי זענען אנגעקומען, האט מען זיי א סאלדאט אפגעשטעלט און געפרעגט ווער זיי זענען און וואס זיי טון דארט ביי נאכט. ר׳ יעקב יוסף האט געגעבן פאר זיי זיין נאמען. ״נו, נו, ראביי, וואו ביסטו געווען? זיי האבן מיך געזאגט אז דו וועסטו זיין גלייך ביים שקיעה. דו ביסט אפאר שעה שפעט! איך האב געהאט אחריות אויף דיינע רענצלעך מער ווי פיר און צוואנציג שעה. מיין קאפיטאן האט מיך געזאגט אז ער וועט מיך שטארק קנס׳נען אויב עפעס פון דיינע זאכן וועט פארלוירן ווערן. ביטע, קוק אלעס איבער צו מאכן זיכער אז אלעס איז דא, און חתמ׳ט אויף די פאפירען. דאן זאלסטו ביטע אוועקנעמען אלעס ווי שנעלער. איך בין מוראדיג מיד און מוז שוין אהיימגיין!״

די מסירות נפש וואס מען זעט אין די מעשה איז מוראדיג. ר׳ יעקב יוסף הערמאן ע״ה האט אונז אויסגעלערנט א וויכטיגע נקודה אין עבודת השם. די עיקר אין לעבן מוז זיין רוחניות, נישט גשמיות. די ענין ווערט דערמאנט אין די פרשה. פאר זיי זענען מיטגעפארן מיט די בני ישראל, האבן די שבטים ראובן, גד און האלב פון שבט מנשה געמאכט שטעט פאר זייערע משפחות אויפן מזרח זייט פונעם ירדן. איינע פון מנשה׳ס אייניקלעך האט געהייסן ״נבח.״ די תורה זאגט אז ער האט גערופן זיין שטאט ״נבח.״ רש״י איז מסביר אז לויטן דקדוק פונעם פסוק זעט מען אז נבח׳ס שטאט האט נישט געהאט קיין קיום. נבח האט נישט געהאט קיין קינדער, אבער ער האט געהאפט אז זיין נאמען וועט האבן א קיום דורך זיין שטאט, ד״ה זיין גשמיות. זאגט רב שמשון רפאל הירש ז״ל, אז פון דא זעט מען אז דעם עיקר חשיבות אין לעבן איז נישט די גשמיות וואס מען לאזט איבער. נאר, די עיקר אין לעבן איז תורה, מצוות, און מעשים טובים. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לאבי מורי ר׳ טוביה וואלפבערג שליט״א לרגל שמחת לידת נכדתו לבנו מתתי׳ הי״ו**

**מזל טוב למוה״ר דוד וואלאדרסקי שליט״א לרגל שמחת לידת בנו נ״י**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג (845) 362–3234**

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**